אין דער ענגלישער און יידישער פרעסע אַ לײדנשאַפטלעכע פּאָלעמיק.

ווענן זײַן אייגענער וועלטאַנשױונג שרײַבט טשעסטערסאָן: „איך בין ווי דער שווימער, וואָס איז אַרומגעשווימען די גאַנצע וועלט און ווען ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייען קאָנטינענט, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נייער קאָנטינענט דאָס איז אייראָפּע. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך האָב אַנטדעקט אַ נייעם אמת. איך האָב אָבער מיך איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער אמת איז שוין גוט באַקאַנט. איך בין זיכער געווען, אַז איך האָב איבערגעיאָגט מײַן דור כּאָטש מיט צען מינוט—האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט מיט נײַן יאָרהונדערט. איך האָב געוואָלט שאַפן די אינדיווידועלסטע אפּיקורסות, און ווען איך האָב עס פּמעט פאַרענדיקט, האָב איך באַמערקט, אַז מײַן אפּיקורסות איז די קריסטלעכע אָרטאָדאָקסיע".

# מיידלעך, פרויען, ווייבער — יידישע דיכטערינס

מלך ראַוויטש/וואַרשע

אין דער לעצטער צײַט האָבן עטלעכע יידישע דיכטערינס צוגעשיקט מיר וווּנדערבאַר אַרויסגעגעבענע, אויף וווּנדערבאַר ווייסן פּאַפּיר, ווי אויף קלאָרסטע ציכלעך, שיין געדרוקטע לידער-זאַמלונגען.

נעמען דערמאָנען? צו וואָס? עס איז סוף-כּל-סוף אַ פּריוואַטזאַך. און זיי, וואָס האָבן געשיקט, ווייסן ווען איך מיין.

איך בין נישט צו אַלט. נאָך איז דער לעצטער סענטימענט נישט אויסגעלאָשן אין מיר, און ווען צאַרטע לידער-זאַמלונגען פון מענער ווירקן אויף מיר הײַנט, ווי דער אַנבליק פון צאַרטע פרויען-קליידער אויף אַ האָריק לײַב פון אַ מאַן, ווירקן אָבער צאַרטע לידער-זאַמלונגען, אויף וועלכע עס שטייט דער נאָמען בעסי אָדער ראַשעל, אַזוי ווי זיי דאַרפן ווירקן: אויף דעם סענטימענט. אויף דעם לעצט-לעצטן סענטימענט ערגעץ אויף דעם דעק פון דער נשמה, וואָס וועט אפשר טאַקע קיינמאָל נישט פאַרשווינדן. עס איז ווי ווען עמעץ וואָלט דיך פּלוצים אין אַ נאַכט אַמאָל צוגעפירט צו אַ פענסטער און דאָרט אינעווייניק דיר באַוויזן העלבאַלויכטן דאָס צימערל, אין וועלכן דו האָסט דײַן קינדהייט פאַרבראַכט. דײַן קינדהייט, וואָס קיינמאָל וועט זי שוין נישט קומען צוריק. נישט אַנדערש ווי מיט טרערן אין די אויגן קוקט מען אויף אַזעלכע ביכלעך, וואָס זאָל מען טון? מען קען נישט אַנדערש.

און אין איבערגעטריבענער ריטערלעכקייט קושט מען קניענדיק אין געדאַנק די הענט פון די דיכטערינס, און מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ זעלטענעם גליק-שמייכל אויף די ליפּן טראַכט מען: זיי דו, זיי דו דער מלאך אין דער היים פון אונזער ליטעראַטור. אונזער שטוב, אונזער היים, די היים אין פעלזן פון וואָרט בײַם ברעג ים פון דער אייביקייט האָט דרײַ פענסטער און אין יעדן פענסטער איז דער הימל פון אונזער צוקונפט אַנדערש: שטורם-פינסטער, פאַרוואָלקנט, אויסגעלייטערט. און אַלע רגע אין אַ יעדן פענסטער אַנדערש. און צו יעדן פענסטער שפּאַרן מיר זיך אַלע מיטאַמאָל: און רײַסן זיך בײַ די האָר און קראַצן זיך אויס די אויגן. זיי דו, זיי דו, דיכטערין די, וואָס וועסט אונז אַלע באַצווינגען מיט דײַן בליק און אויב דו וועסט אונז נישט קענען פירן צו איין געמיינזאַמען אידעאַל, וועסטו כאָטש אין אונז אויפוועקן דעם גלויבן אין איין געמיינזאַמען אידעאַל. זיי דו, זיי דו די, אויף וועלכער מיר וואַרטן.

און דאַן עפנט מען אויף דאָס בוך און מען לעזט...

און מען לייענט, און מען לייענט און מען טראַכט גאַנץ אומריטערלעכע געדאַנקען וועגן זיך און וועגן דער וועלט, אין וועלכער מען קאָן זײַן אַזאַ נאַר. קיין פּתרון, קיין חלום, קיין שפור, קיין שאָטן, קיין שאָטן פון שאָטן אפילו.

און ווידער פאַרטראַכט מען זיך און פאַר די אויגן שטייט אויף אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען אין טאַטע-מאַמעס שטוב אויף דער מזרח-וואַנט. אַן אויפשריפט אויף אים: האַנוסים בספרד. אין אַ טיפן מיטלאַלטערלעכן קעלער ריכט מען אָפּ אַ סדר. גאַנץ פּלוצים האָט זיך געעפנט די שווערע אײַזערנע טיר און אין איר שטייען באַוואָפנטע אין אײַזן פון קאָפּ ביז די פיס די אַרמעער פון דער אינקוויזיציע. אַלע מענער דערשראָקן, פאַרגליווערט אין פּחד און צוגעשמידט צו די ערטער, נאָר איין פרוי האָט געכאַפּט אַ דרײַ-אָרעמדיקן לײַכטער פון טיש, שטייט מיט דעם פּנים פול שטאָלץ און צער צו די סאָלדאַטן און מיט איר קערפּער פאַרדעקט זי די קינדער אירע, וואָס טולען זיך אַרום איר. און דאָס ליכט אין איר האַנט פלאַקערט אַ קעגן די סאָלדאַטן פון דער אינקוויזיציע. אַלע מענער צוגעשמידט אין שרעקן צו די ערטער. דרײַ-אָרעמדיקער לײַכטער פלאַטערט-פלאַקערט אין דער אויפגעהויבענער רעכטער האַנט פון דער פרוי.

איך בין ווייט פון מאָראַל-פּרעדיקער, ווייט, ווייט בין איך דערפון. איך האַלט פון אַלץ, וואָס פרײַ איז (פרײַע ליבע אײַנגעשלאָסן). אפילו פון פרײַען וואָרט, פון אַזאַ אומפאָפּולערער זאַך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פּשוט, אויב דער כּוח איז פרײַ און אַלע קענען פון אים געניסן, מוז אויך דאָס לעבן זײַן פרײַ און אַלע זאָלן קענען פון אים געניסן.

עס פעלט מיר נישט די מאָראַל בײַ די יידישע דיכטערינס. אדרבא, פאַרקערט, זיי זענען מיר צו מאָראַליש, צו קלײנבירגערלעך און צו ווייניק עטיש. נאָר מאָראַל פעלט זיי נישט. ווען אפילו זיי זינגען לידער צו מענער און ווען אפילו מיר קענען נישט קאָנטראָלירן, צי דאָס זענען זייערע אייגענע מענער.

עס פעלט דער שווונג. עס פעלט דער באַצווינגענדיקער זשעסט פון אַ פרוי. עס פעלט מיט איין וואָרט „דער רוף פון פליגל". (נישט אין טיטל, נייערט אין און צווישן די שורות).

איך גיי דורך אין די געדאַנקען די גאַנצע גאַלעריע פון דיכטערינס, וואָס מיר פאַרמאָגן. (איך בין געניט ריטערלעך און דערמאָן נישט קיין איינציקן נאָמען). ווער קען מיר אָנווײַזן אַ ווערק פון פאַרמעסטונג צווישן די ווערק פון אַלע די דיכטערינס? אַלץ איז דאָרט בײַ זיי מאָס, מאָס און מאָס. עס זענען דאָ בעסערע און עס זענען דאָ ערגערע צווישן זיי. און קיין איין ווערק. נאָר לידער און לידלעך.

אָט האָבן מיר געהאַט איינס אַ דיכטערין פון גאַליציע, האָט זי געהאַט וווּנדערבאַרן טאַלענט, האָט זי אים פאַרטראָגן

קיין אַמעריקע און האָט דאָרט געשריבן און געשריבן ־צו אונז זער אַלעמענס אַנטציקונג ביז זי איז פּלוצים, צוליב עפּעס אַ ניטשיקן אינצידענט, אַנטשוויגן געוואָרן. די היסטעריע האָט גובר געווען, מסתמא איז זי געווען מער פרוי ווי דיכטערין; איך וועל איר איר פאַרשווייגעניש קיינמאָל נישט מוחל זיין — הגם איך ווייס, אַז נישט זי איז שולדיק, נאָר אונזער מזל נישט צו האָבן אַ דיכטערין.

אָט וואַקסט אַ גרויסע יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד. אָט איז דאָרט פאָרגעקומען אַ איבערברוך אין פאַמיליען-לעבן. נייע פרויען זענען אויפגעקומען דאָרט און נייע געפילן לעבן אין זיי. און נישטאָ קיין כ אַ וו ע ר ט ע, וואָס זאָל נעמען אַ פען אין הענט אַריין און שרייבן די נשמה פון דער נייער פרוי.

אָבער, ליידער, ליידער האָט די יידישע דיכטערין-פרוי אַזוי פיל אַרגומענטן פאַר איר אַנטשולדיקונג, אַז עס וואָלט געוועזן שוין צו אומריטערלעך די דאָזיקע אַרגומענטן דאָ נישט צו פאַרשרייבן:

— איך בין קיינמאָל אין דער געשיכטע פון די פעלקער נישט געווען קיין שאַפערין פון נייע אידעאַלן. איך האָב נאָר — און דאָס אויך זייער זעלטן — מיט מיין גאַנץ לייב און לעבן אויפגענומען די אידעאַלן פון מאַן. איך האָב זיי גרויסגעצויגן און אויסגעטראָגן אין מיין בלוט און אין מיין גייסט און געלויכטן פאַר דער וועלט מיט ביישפּיל פון מוט און פון קרבן. אָבער דעם זאָמען פון אידעאַל האָט געזייעט דער מאַן. און ווו איז היינט, ווו איז אין דער יידישער דיכטונג מיין מאַן. דער מאַן פון מיר—יידישע דיכטערין-פרוי? —

דער דאָזיקער אַרטיקל איז אייגנטלעך אַ קאָלעקטיווע רעצענזיע וועגן אַ גאַנצער רייע אַנאָנימע ביכלעך פון פרויען-דיכטונגען, אַנאָנים-נאַטירלעך-צוליב די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון — בלויז אין דער דאָזיקער רעצענזיע. וואָרום סיי די דיכטערינס, סיי איך ווייסן מיר שוין גאָר גוט וועמען מיר מיינען דאָ...

און איך בין מיר גוט באַוווסט, אַז עס וועט אַוועק אַ חודש און ניין חדשים און אַפילו ניין מאָל ניין חדשים און קיין יידישע דיכטונג פון אַ פרוי, פון אַ פרוי, וואָס מיר זאָלן אַלע קניען פאַר איר—וועט נישט געבוירן ווערן.

זאָלן זיי כאָטש וויסן און זאָלן זיי זיך גאָר נישט איינרעדן. און אויב איינע פון זיי וועט אַראָפּנעמען דעם שלייער פון איר פנים, וואָס איך האָב אים דאָ אַזוי צאַרט אויף איר פנים אַרויפגעוואָרפן, און וועט זיך ווערן קענן מיינע ווערטער מיט ציין און מיט נעגל (גייסטיקע ציין און גייסטיקע נעגל...) וועל איך איר אפילו דאַנקבאַר זיין. ווייל די צאַרטקייט און די מתיקות און די שטילקייט און די צניעות און די גוטסקייט און דער עיקר די צניעות, די צניעות פון די יידישע דיכטערינס איז שוין פון גאַנצן הערצן נמאס געוואָרן.

---

## אַ שיינער באַריכט וועגן אַ שיינער אַרבעט.

ס'איז באמת אַ פריידעריבערצולייענען דעם באַריכט, וואָס דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט האָט איצט אַרויסגעגעבן צו די צוויי יאָר פון זיין אַרבעט. אַ שיין ביכל און ס'לייענט זיך זיך ווי אַ שיינע מעשה. אַ מעשה ווי מ'האָט געקליבן ציגל צו אַ ציגל און אויפגעבויט אַ פונדאַמענט, — פון וועלכן ס'קאָן אויסוואַקסן אַ פּראַכטפולער קולטור-בנין.

די אַלע, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אַרבעט פונם י. וו. א., וועלן האָבן אַ גרויס באַפרידיקונג, וואָס זייער מי און ענערגיע האָט געבראַכט פרוכטן.

וועגן דעם באַריכט לוינט זיך צו שרייבן באַזונדער.

# נייע לידער פון ה. לייוויק

## וויפל יאָר

וויפיל יאָר איך גיי מיט קאָרידאָרן טרעפּ
צו שטוב צו מיינער, וואָס איך טרעף שוין בלינדערהייט;
און מיט אַמאָל דערהער איך פון מיינע טריט די קלעפּ —
אַזוי ווי זיי וואָלטן אָנזאָגן: זיי גרייט.

אַ נעפּיל אַזאַ אַ טונקלס מיך באַהערשט:
אויב אַן אומגליק וועט געשען ווען מיט מיר, —
וועט עס טיעפן אויף די טרעפּ צום ערשט,
אָט טאַקע דאָ ביים דערנענען זיך צום טיר.

שוין דערנענטערט זיך צום טיר, אַ רגע, צוויי, —
איך ליינ מיין אויער צו, און הער און הער,
און אַנטקעגן — טירן אַנדערע אין ריי,
און צו יעדער טיר, מיר דוכט, אַז איך געהער.

איך הייב אָן דרייען הענטלעך, שטורם אויף
אין פרעמדע צימערן צערייצטע טריט;
און פּלוצלינג זאָגט אַ קיל: הער אויף —
אפילו צו דיין איינן מיר געהערסטו נישט.

איך קום אַריין אין שטוב. מיין ווייב, מיין קינד
באַגעגנען מיך מיט שטילקייט און מיט פרייד,
און איך באַגעם ערשט איצט, ווי גרויס עס איז מיין זינד,
און ווי איך האָב, ווי אַ קנעכט, מיין האַרץ פאַרקויפט צום טויט.

## אַנהייב פרילינג

צי ס'איז דערפאַר, ווייל אין פּאַרק איז אָנהייב פרילינג,
צי דערפאַר, ווייל מיר זענען ביידע דאָ, —
חילט זיך צובינדן צו דער ערד און זאָגן: הייליק.
אַ וואָרט אָן אַלטס, ווי דאָס רויט פון אָוונט-שעה.

צוויי נייגעריקע ביימלעך לעבן אונז שטייען,
באַטראַכטן און רעדן וועגן אונז אומשולדיק, קלוג;
און מיר רוקן זיך צו, און הערן און פאַרשטייען,
און שווייגן, — און זאַמלען אין זיך דאָס שווייגן ווי אין אַ קרוג.

און אַז דער קרוג וועט פול ווערן — נישט פרעגן קיין פראַגן,
קום קוקן אויפן טייך, אויף זיין ראַשיקן פלוס;
דאָס קלענסטע גרעזל אויף דעם ברעג איז פול מיט וואַגן,
און טראַציקט זיך, און שרייט פון אונטער פוס.

אָ זע, מיין פריינט, מיר זענען שוין אין זאַא-גאָרטן,
אָ זע, מיין פריינט, דער אָוונט עפנט אויף זיין וויין:
אָ הער, עס וואָיעט אויף דער וואָלף, — און דאָרטן
אַ שטיינ, אַ ליידיקע, — פאַר וועמען זאָל זי זיין?

צי נישט פאַר אונז? איך מאַך אַ שפּאַס, אוודאי.
און אפשר נישט — אויך שטיינ ווייל היינט נישט עלנט זיין;
און אונזערע ביידנס רגעס, ווי אַ שעפסן סטאַדע,
רייסן זיך אויף נאַכט מיט פרייד אין שטיינ אַריין,